397

פרייז 30 פעניג

# במדבר

יידישער לאגער פערנוואלד (במדבר) ביי וואָלפראַטסהאַוזען

נומער 10 (12) • 2־טער יאָרגאַנג

צוויי וואָכן־צייטונג
פון די
באַפרייטע יידן אין פערנוואַלד

23 יולי 1946

דינסטיק, כד׳ תמוז תש״ו
פרשת פנחס

## אויפגעריסן ענגלישע הויפּטקוואַרטיר אין ארץ ישראל

ירושלים. לויט אַ פּאָליצייליכער מעלדונג פון ירושלים, איז דעם 22 יולי 12־30 אזייגער בייטאָג פאָרגעקומען אין דער הויפּט קוואַרטיר פון דער ענגלישער רעגירונג אין ארץ ישראל א גרויסער אויפרייס.

אין צייט פון אויפרייס זיינען אין דער געביידע געווען כמעט אַלע מיטגלידער פון דער ארץ ישראלדיקער מיליטערישער און ציווילער ענגלישער פאַרוואַלטונג.

פון אויפרייס זיינען, לויט אַמטלעכע מעלדונגען אומגעקומען איבער 35 פערזאָן, 39 זיינען פאַרשווונדן און 58 פאַרוווּנדעט. צווישן די אומגעקומענע געפינט זיך דער גענעראַל פּאָסט־מייסטער פון ארץ ישראל, קענעדי.

אין ירושלים איז דערקלערט געוואָרן אַן אויסנאַם צושטאַנד און אויסגאַנג פאַרבאָט פאַר דער באַפעלקערונג. פאַרשיידענע גאסן זיינען ארומגעצאַמט מיט דראָט. אין שטאָט זיינען אָנגעקומען טאַנקעס און מיליטער צו זיכערן די אָרדענונג.

פון אויפרייס, איז באשעדיגט געווארן אַ פליגל פון „מלך דוד“ האָטעל אין וועלכן עס געפינט זיך דער סעקרעטאַריאַט פון דער ארץ ישראל רעגירונג. מיליטער און פּאָליציי פירן די אויספאָרשונג.

* * *

לאָנדאָן. גלייך ווי די מעלדונג פון אויפרייס איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, האָט זיך די בריטישע רעגירונג צוזאַמענגעקומען אויף אַן אויסעראָרדנטליכער זיצונג, כדי צו באַראַטן זיך וועגן דער לאַגע אין ארץ ישראל.

אין דער זיצונג, אויף וועלכער פרעמיער־מיניסטער עטלי האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די געשעענישן אין ארץ ישראל האָבן אויסער די קאַבינעט מיטגלידער אויך אָנטייל גענומען פעלדמאַרשאַל מאָנטגאָמערי, דער שעף פון ים פלאָט און דער שעף פון דער „ראָיאַל איר פאָרס“ (לופט פלאָט).

## אונדזער ענטפער

נאָך סינאָנימען צו אוישוויץ, בוכענוואַלד און דאַכאו נאָך סינאָנימען צו באַרבאַריזם נידערטרעכטיקייט און פאַרלוימדונג. קיעלץ און יגור. ביידע אין פאַרשידענע וועלט־טיילן, ביידע פון פאַרשידענע סבות אַנטשטאַנענע באַגריפן, אָבער ביידע סימבאָלן פון אונדזער צייט. ביידע באַווייזן ווי ניט דערוואַקסן ס׳איז די וועלט צו פרידן, כאָטש מיר שטייען אויף דער שוועל פון פרידנס־קאָנפערענץ.

אין אַ תקופה פון ברעכן צוזאָגן און דעקלאַראַציעס דורך לענדער, וואָס האָבן אין נאָמען פון דעקלאַראַציע־טרייַהייט געקעמפט, קאָן קיין פרידן ניט קומען. אין צייטן ווען אימפעריאַליזם שטייט העכער ווי געזעץ, אידעאַלן, אייגענער סאָציאַליזם, זיינען פרידנס־קאָנפערענצן קינסטלעך, ווי קינסטלעך ס׳איז אַ שמייכל אויף אַ לויה.

## באַדינגונגען פאַר פרידנס אָפּמאַך מיט איטאַליע

וואַשינגטאָן. נאָך א טעלעפאָנישער באַראַטונג צווישן די 4 אויסערן מיניסטאָרן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פרידנס אפּמאַך מיט איטאַליע, לויטן אָפּמאַך וועט די איטאַליענישע אַרמיי באַשטיין פון 250 טויזנט מאַן. די לופט און ים כחות צו 25 טויזנט מאַן. אויסער

דער מיליטערישער פלאָט וועט באַשטיין פון 2 שלאַכט שיפן 4 קרייצער, 4 צערשטערער און 16 טאָרפּעדע שיפן.

נאָך דעם ווי דער פרידנס אפּמאַך וועט ראַטיפיצירט ווערן דורך איטאַליע וועלן אים אויך אונטערשרייבן די אויסערן מיניסטאָרן פון

## וועמען ענגלאַנד שיצט

לאָנדאָן. די סאָלדאַטן און אָפיצערן פון אַנדערסעס אַרמיי וועלכע געפינען זיך אין שאָטלאַנד, האָבן אין דער שטאָט איראָנין אָפּגעהאַלטן אַ טרויער פייערונג צום אָנדענק פון די 9 צום טויט פאַרמשפּטע פּאָגראָמשציקעס, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָגראָם אין קיעלץ.

די סאָלדאַטן האָבן דערקלערט, אַז די פייערונג קומט פאַר צוליב דעם, ווייל ניין פּאָלאַקן זיינען פון דעם „יידיש־קאָמוניסטישן רעזשים אין פּוילן“ פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

אין אַ תקופה פון ברעכן צוזאָגן און דעקלאַראַציעס דורך לענדער, וואָס האָבן אין נאָמען פון דעקלאַראַציע=פרייהייט געקעמפט, קאָן קיין פרידן ניט קומען. אין צייטן ווען אימפעריאַליזם שטייט העכער ווי געזעץ, אידעאַלן, אייגענער סאָציאַליזם, זיינען פרידנס=קאָנפערענצן קינסטלעך, ווי קינסטלעך ס'איז אַ שמייכל אויף אַ לויה.

אין טעג ווען מופטים, וואָס האָבן געבענטשט ס"ס דיוויזיעס צום מענטשן=פאַרניכטונג און איינגהענטיק צוגעמאַכט די קליאַמקעס אין די אוישוויצער גאַז=קאַמערן וווינען אין פּאַלאַצן, קאָן פרידן ניט בליען אין דער וועלט.

מיר זיינען אַוועק פון קריג און צום פרידן ניט געקומען. מיר געפינען זיך אין וועג אין פולן זין פון וואָרט, פיזיש און גייסטיק. קיעלץ און ינור האָט אונדז אויפגעטרייסלט, אָבער ניט פאַרצווייפלט.

מיר זעען אין ינור די שוואַכקייט פון דער ענגלישער אימפעריע, ווי מיר זעען אין קיעלץ די נידערטרעכטיקייט פון דעם פוילישן פאָלק. מיר שעלטן די ערשטע, מיר שעלטן די צווייטע.

נידעריק איז געפאַלן אַן אימפעריע, וואָס מוז שיקן דיוויזיעס צום קאַמף קעגן שולקינדער. אַ פאָלק וואָס בענטשט יתומים=מערדער פון קיעלץ, דערוואַרט ניט קיין גרויסע צוקונפט. מיר האָבן אין זיך גענוג כח איבערצוהאַלטן און אויסדויערן די ערשטע עינוים און אויך די צווייטע.

מיר ענטפערן ענגלאַנד מיט דעם גלויבן אין אונדזער האַרטנעקיקייט, אַז מיר קומען און גייען, אַז טראָץ אַלעם בלייבן מיר געאייניקט אין אונדזער ווילן צו קומען אין אונדזער היים. אויף ינור וועלן מיר ענטפערן מיט נייע ישובים. מיר וועלן ניט מיד ווערן. אונדזער פאָלק איז באַהערשט מיט אידעאַלן פון מענטשן=ליבע און פעלקער=פרידן, נאָר ינור לערנט אונדז אויס האַסן און אונדזער האַס איז אַ מזרחדיקער. מיר האָבן באַוויזן, אַז מיט אונדזער שווייס קאָנען מיר פון זומפּן מאַכן בליענדע גערטנער. מיר וועלן אויך באַווייזן, אויב עס וועט נויטיק זיין, אַז פון בליענדע גערטנער קאָנען מיר מאַכן ווולקאַנען, וואָס וועלן שטערן די טריט פון ענגלישע אָקופּאַנטן.

אויף קיעלץ ענטפערן מיר מיט אַ אייביקער קללה.

יידן פון רוצחישע פוילישע ערד, פאַרלאָזט די ערד פון פּיין און קומט צו אונדז אינעם נייעם גלות אויפן וועג קיין ציון. מיר שווערן, אַז טיילן וועלן מיר מיט אייך דעם ביסן און אָפּטרעטן וועלן מיר דאָס בעט. און אין לאַנד אַריין וועלן מיר קומען. פאַרלאָזט די ערד פון קברים און לאָזט איר איבער אַן אייביקע קללה, אַז פאַרטריקנט זאָל ווערן איר ערד און הימלען זאָלן קיין וואַסער ניט געבן. נעמט מיט די האַס פאַרן גלות און ליבע צו ציון.

מיר וועלן אין וועג ניט פאַרצווייפלען.

## באַדינגונגען פאַר פרידנס אָפּמאַך מיט איטאַליע

וואַשינגטאָן. נאָך אַ טעלעפאָנישער באַראַטונג צווישן די 4 אויסערן מיניסטאָרן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פרידנס אָפּמאַך מיט איטאַליע, לויטן אָפּמאַך וועט די איטאַליענישע אַרמיי באַשטיין פון 250 טויזנט מאַן. די לופט און ים כחות צו 25 טויזנט מאַן. אויסער דעם וועט איטאַליע האָבן 200 טאַנקעס פון אַלע גרויסן.

דער מיליטערישער פלאָט וועט באַשטיין פון 2 שלאַכט שיפן 4 קרייצער, 4 צערשטערער און 16 טאָרפּעדע שיפן.

נאָך דעם ווי דער פרידנס אָפּמאַך וועט ראַטיפיצירט ווערן דורך איטאַליע וועלן אים אויך אונטערשרייבן די אויסערן מיניסטאָרן פון סאָוויעט רוסלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע.

—o—

## נייער יוגאָסלאַווישער טריעסט פּלאַן

בעלגראַד. יוגאָסלאַוויע האָט איבערגעגעבן דער ספּעציעלער קאָמיסיע פאַר דער טריעסט פראַגע אַ נייעם פּלאַן, לויט וועלכן מען זאָל לייזן די טריעסט פראַגע. לויטן דעם יוגאָסלאַווישן פאָרשלאָג, זאָל טריעסט דערקלערט ווערן אַלס אַ פריי־שטאָט, און זיין אין אַ רעאַל־אוניאָן מיט יוגאָסלאַוויע. די אוניאָן זאָל באַשטיין אין דעם, וואָס אין טריעסט זאָל זיין אַ יוגאָסלאַווישער גובערנאַטאָר, וועלכער זאָל האָבן אַ וועטאָ רעכט.

## ווענען ענגלאַנד שיצט

לאָנדאָן. די סאָלדאַטן און אָפיצערן פון אַנדערסעס אַרמיי וועלכע געפינען זיך אין שאָטלאַנד, האָבן אין דער שטאָט איראָנין אָפּגעהאַלטן אַ טרויער פייערונג צום אָנדענק פון די 9 צום טויט פאַרמשפּטע פּאָגראָמשציקעס, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָגראָם אין קיעלץ.

די סאָלדאַטן האָבן דערקלערט, אַז די פייערונג קומט פאָר צוליב דעם, ווייל ניין פּאָלאַקן זיינען פון דעם „יידיש־קאָמוניסטישן רעזשים אין פוילן" פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

—o—

## פּויפּסטליכער „יושר"

וואַטיקאַן. דער ראַדיאָ פון וואַטיקאַן האָט באַשטעטיקט די ידיעה, אַז דער פּויפּסט האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו דער פוילישער רעגירונג, צו באַגנדיקן דעם צום טויט פאַרמישפּטן גאַוליַיטער פון וואַרטעלאַנד גרייזער.

ווי באַקאַנט איז דער טויט אורטייל איבער גרייזערן שוין אויסגעפירט געוואָרן.

דער פּויפּסט האָט זיין בקשה מאָטיווירט דער מיט, וואָס טראָץ דעם וואָס גרייזער איז געווען גאַוליַיטער און במילא אַ קעגנער פון דער קאַטוילישער קירך, האָט ער פאַר אים אינטערוועניִרט צוליב קריסטליכער מענטשן ליבע, וועלכע הייסט מוחל זיין אויף אַלע פאַרברעכנס, אויב מען האָט אויף זיי חרטה.

—o—

## ווענדונג פון דער הסתדרות צו דער לייבאָר פּאַרטיי

ירושלים. דער ועד הפועל פון דער „הסתדרות" האָט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַם צו דער ענגלישער לייבאָר פּאַרטיי, אין וועלכער עס ווערט געבעטן צו אינטערוועניִרן שנעלער צו באַפרייען די אינטערנירטע אין די לאַגערן פון לאַטרון און ראַפאַ.

—o—

## דער הויך קאָמיסאַר אין לאָנדאָן

לאָנדאָן. דער הויך קאָמיסאַר פון ארץ ישראל גען. קונינגהאַם איז דעם 20־טן יולי געקומען קיין לאָנדאָן, ווו ער וועט זיך באַראַטן מיט דער רעגירונג, וועגן דער לאַגע אין ארץ ישראל.

—o—

## זיצונג פון זיכערייטס ראַט

ניו־יאָרק. דער וועלט זיכערהייטס ראַט קומט זיך צונויף קומענדיקן מיטוואָך אויף אַ זיצונג, אויף וועלכער עס וועט באַהאַנדלט ווערן דער פראַנצויזיש סיאַמעזישער קאָנפליקט.

## בירגער קריג אין כינע

נאַנקינג. אין כינע איז ווידער אויסגעבראָכן אַ בירגער קריג.

פון דער הויפּטקוואַרטיר פון גען. טשאַן־קיי־שעק ווערט געמעלדעט, אַז קאָמוניסטישע טרופּן גרייפן אָן אין דער ריכטונג פון שאַנכיי.

# הערצל און ביאַליק

עס זיינען געווען אַ סך אַנדערע ביז הערצלען, וועלכע האָבן געזוכט וועגן פון אויסלייזונג פאַרן יידישן פאָלק.

קיינער אָבער האָט אזוי ריכטיק נית פאַרשטאַנען און אַוועקגעשטעלט דאָס יידישע פראָבלעם אין זיין אמתער ליכט ווי הערצל. נישט העכער פון אַנדערע פעלקער, אָבער אויך נית נידעריקער. יידן דאַרפן זיין אַ נאָרמאַל פאָלק צוגלייך מיט



אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. כדי ס׳זאָל זיין אַ נאָרמאַל

האָט מען געהאַלטן פאַר אַ טרוי־מער, אַ פאַנטאַסט, וואָס איז ווייט פון דער ווירקלעכקייט.

אַזוי למשל האָט דער באַרימטער באַראָן הירש, דער גרינדער און שפענדער פון „יקא", אַ גרויסער רעאַליסט און איינפלוסרייכע פער־זענלעכקייט ביי פיל רעגירונגען, זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פון אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק דורך אַרבעט און קאָלאָניזאַציע, אין דער

ערשטער ריי קאָלאָניזירן 4 מיליאָן רוסישע יידן און אזוי אַרום זיי ארויס־

אַלס רעאַליסט האָט ער אָבער געהאַלטן הערצלס געדאַנק פון איינ־אָרדענען יידן אויף די וויסטע זאַמדן פון ארץ־ישראל אַלס פאַנטאַזיע וואָס האָט קיין רעאַלן באָדן נית אונטער זיך און אָנגעהויבן קאָלאָ־ניזירן יידן אין אַנדערע לענדער אין דער ערשטער ריי אין אַרגענטינע.

דאָס לעבן האָט אָבער באַוויזן דאָס פאַרקערטע, באַראָן הירש איז געבליבן דער פאַנטאַסט און הערצל דער רעאַליסט.

פאַר דער צייט האָבן פיל קאָלאָ־ניסטן געוואָרפן זייערע איינגעאָרדנ־טע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע און איבערגעפאָרן קיין א״י. אויך איצט פאַרלאָזן פיל קאָלאָניסטן פון אַרגענ־טינע און אַנדער ע אַנטיסעמיטישע לענדער זייערע וווין־ערטער און פאָרן איבער זיך איינאָרדענען אויפן ארץ־ישראלדיקן באָדן.

אין דעם טאַקע ליגט הערצלס גרויסקייט, וואָס ער האָט געשאַפן פון אַ לעגענדע, פון אַ פאַנטאַזיע אַ רעאַלע ווירקלעכקייט.

פאַר דער צייט האָט מען אונדז געפרוווט אַראָפפירן פון וועג מיט אַנדערע טעריטאָריעס. מען האָט אונדז פאָרגעלייגט אוגאַדאַ, מען האָט אונדז געשענקט מאַדאַגאַסקאַר, מען האָט אונדז געבויט בירא־בי־דזשאַן, קיין טעריטאָריע וואָלט אָבער נישט געקענט לייזן דאָס יידישע פראָבלעם ווי הערצלס א״י.

אויב הערצל האָט געשאַפן דעם געדאַנק פון מלוכהשקייט און געווען דער פאָליטישער פירער פון יידישן פאָלק האָט ביאַליק דערגענצט הערצלען און געשאַפן און פאַרוויר־קלעכט דעם געדאַנק פון קולטור־צענטער אין ארץ־ישראל אויף דער היסטאָרישער שפּראַך פון אונדזערע אָבות. אזוי אַרום שאַפן זיי ביידע הערצל און ביאַליק דער סינטעז פון

שווונג פון דער יידישער ליטעראַטור, שפּראַך און קולטור. די יידישע קלאַ־סיקער מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם, אַש און אַנדערע האָבן אַרויפגעפירט די יידישע ליטעראַטור אויפן אייראָ־פּעישן שליאַך. יידישער שול וועזן, קונסט, ליטעראַטור א. א. צווייגן פון יידישער קולטור האָבן אָפּטמאָל טענדענציעז געפרוווט נעגירן די קולטור אין העברעיש אַלס אַ נית



לעבעדיקע. נעגירן דעם געדאַנק פון מלוכהשער טעריטאָריאַלישקייט און

ביאַליק האָט מיט זיין שאַפן און מעשים באַוויזן, אַז ס׳איז נישט אַזוי. נישט אָפּלייקענענדיק די ראָלע פון יידיש האָט ער דורך דער בויגעוו־דיקייט פון זיין שאַפן, דורך מאָטיוון געשעפּטע פון אַלטן יידישן אוצר באַוויזן, אַז די העברעישע שפּראַך איז אַ לעבעדיקע, געבונדן מיטן פאָלק, מיט זיין געדאַנק, אַז די קול־טור אין העברעיש איז פאַקטיש די נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון דער

אייביקער קולטור פון קדמונים און איז די צוקונפטיקע קולטור פון יידישן

# די סימבאָליק פון נירנבערג

★
מ. ד. אליהב
★

וועגן דעם מאמענט האב איך געטרוימט פון 1933. מיליאָנען מענטשן האבן געביטן אויף זעקס יאָר די ווארעמקייט פון די געליבטעס הענד אויף די קאלטקייט פון אייזן, כדי נירנבערג צו דערלעבן. ווען אנשטאט די מאמעס ווארט, האט דער העלד געצערטלט מיליאָנען קינדער פארן שלאף, האבן זיי נירנבערג פאר די אויגן געזען.

טויזנטער חרוב געווארענע שטעט, מיליאָנען יתומים, פאראומגליקליכטע אויף אייביק מאמעס, טויזנטער ברידער־קברים האבן דערמעגליכט נירנבערג.

אין נירנבערג האט דערוויל ענטוישט....

נירנבערג איז סימבאָליק. נירנבערג מיינט ניט די ברייטע חרוב געווארענע גאסן אויף וועלכע עס גליטשן זיך טראַמווייען מיט לעדערנע שטולן און דייטשן מיט רוקזעק און וועגעלעך קרעכצענדיקע וועגן די 70 קאלאָריען פארקלענערטע „פראָ־טאג".

נירנבערג האט געזאלט באדייטן: סדום מוז פארניכטעט ווערן, אויפגעבויט מוז ווערן א שטאט פון גערעכטיקייט. נירנבערג האט געזאלט זיין א טרייסט פאר אונטערגעצונדענע, א ווארנונג פאר אונטערצינדער. ניט נאר אינם אויסגאנג, נאר אויך אינם גאנג פון פראצעס האט נירנבערג געזאָלט זיין א שמייכל פאר געליטענע און א שטרייינגער אנזאג פאר די וועלכע ברייינגען ליידן די געזעלשאפט.

יוסטיציא די געטין פון גערעכטיקייט, ווערט דורך די רוימער געשילדערט מיט פארבונדענע אויגן און א וואג אין דער האנד. די גערעכטיקייט דארף זיין בלינד, זי דארף נאר וועגן דעם אמת און שקר.

די געטין איז פאר נירנבערג ניט אנטשפרעכנד. אפשר צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון יוסטיץ, האט יוסטיציא געמוזט אראָפּווארפן די באנד פון אירע אויגן און ניט בלויז טרוקן וועגן און הערן, נאר אויך זען.

נירנבערג איז פארבאהאלטן אזא מוראדיקע צאָל פארברעכנס, וואס לאזן זיך ניט דערציילן טרוקן אין דער מענטשליכער שפראך. די פארברעכנס מוז מען זען, נאך מער, מען מוז זיי פילן. און אין נירנבערג פילט מען זיי ניט, איך וואג צו זאגן מען זעט זיי ניט. יוסטיציא האט פארבונדענע אויגן.

ווען פראקוראָרן זאלן קענען באשולדיקן מיט בילדער וואלטן פאר יעדער בילד פון די פארברעכנס אלע 20 העלדזער שוין לאנג געמוזט דערשטיקט ווערן אין דער פעטליע פון גערעכטיקייט.

אין נירנבערג הערט מען ציפערן און מען זעט ניט די בילדער.

איך זיץ אין געריכט. הונדערטער זשורנאליסטן, צענדליקער געסט, איבערזעצער, ריכטער, פראקוראָרן, פארטיידיקער, באשולדיגטע אינם גרויסן זאַל פון יוסטיץ־פאלאץ פארשטעל׳ן מיר ניט דעם טויטן פון מיידאנעק. איך דערזע אים בעסער, דייטליכער. יענער מאמענט פון בין־השמשות, ווען די זון איז שוין פארגאנגען און די לבנה האט זיך נאך ניט באוויזן און אויף דעם הערליכן נאטור בילד, די לויפנדע צום טויט מאמע מיט דעם קינד ביי די ברוסטן, גייט אויף פאר מיינע אויגן. 7000 קילאגראמען האר פון אוישוויץ.

האר בלאנדע, שאטינע, קינדעריש געגרייזלטע, און לאנגע פון אלטע צעפ, פון לאכנדע פארן טויט בלויע אויגן אפגעשניטענע און פארדאגהטע אלטע גרויע־מוטער האר.

זעען אויך די ריכטער די בילדער?

דוכט זיך אז ניין, אנדערש וואלטן זיי ניט געמוזט אזוי לאנג וועגן און מעסטן דעם גורל פון 20 מערדער!

אפשר בין איך, דער אליין־געבליבענער ווי הונדערטער מיינע ברידער עמפינדלעך. אבער דאך נירנבערג איז סימבאליק.

און אויב גייענדיג צום דעם יוסטיץ פאלאץ האט מיינע דאקומענטן איבערגעקוקט א דייטשישער פאליציאנט איז עס אַן ניט אנגענעמע סימבאליק.

איך הער ריידן קעמקאן, דעם שאפער פון היטלערן. אין געפרעסטע הויזן, מיט א העלן קראוואט, שיין ראזירט און צוגעקעמט גיט ער אפּ ערקלערונגען איבער די לעצטע מינוטן פון זיין שעף אדאלף היטלער, און זיין פרויעווא בראאון. אין זאל הערשט שטילקייט. די באשולדיקטע לייגן צו פעסטער די הערער צום אויער, קוקן גלייך צום עדות. א טרויער ליגט אויף זיין פנים. מיר האט זיך געדאכט אז צו דער אטמאספער און צו דעם טאָן האט נאר געפעלט דער אויסרוף „ביטע באערן מיט אויפשטיין". און ווי סטרונעס, ווי אמאל אין די זינגרייכע „הייל־זיג" עפּאכע וואל׳טן זיך אויפגעשטעלט די 20 פארברעכער פון מיליאנען לעבנס.

קעמקא האט פארענדיגט. ער פארלאזט דעם געריכטס־זאל. ער נויגט זיך העפליך פאר צוויי מאכטן. אין איין זייט פאר די ריכטער, אין דער אנדערער פאר די באשולדיגטע.

אפשר בין איך עמפפינדלעך. קעמקא דער דייטש האט היינט נאך אלץ צוויי הארן. די, פאר וועלכע ער ציטערט, און וועמעס הענט עס ליגט זיין גורל און די וועלכע זיצן לינקס, די באשולדיקטע וועמענס ארעאל עס באצויבערט אים.

יא, אזוי איז עס דאך. קלוגע דייטשן האבן עס אפילו פאראייניקט אין א שפראך־שפיל זאגנדיק אז U. S. A. באדייט: אונדזער־זעליקער־אדאלף.

ווען איך פאל׳ אראפּ אויפן פראצעס פון מארס, אדער אויפשטייענדיק פון א גרויסן לעטארגישן שלאף, ניט האבנדיק קיין אנונג וועגן דעם וואס ס׳איז געשען, וואלט איך שטארקע „מיטלייד" געהאט מיט די „הערן", וואס זיצן אויף דער באשולדיקונגס־באנק. פארוואס? פשוט. צוואנציק גוט געקליידעטע הערן, שיין ראזירט און צוגעקעמט. מיט א גוטן אויסדרוק אויפן געזיכט ווערן באשולדיגט אין ריזיקע פארברעכנס, קליין געמאכט דורך נירנבערג. זיי האבן דאך נאר „אינספירירט", נאר געגעבן דעם שטויס צום פארברעך, זיי האבן אבער דאס מעסער ניט אריינגעשטעקט אין דער ברוסט פון דערמארדעטן. אזא איינדרוק מאכט נירנבערג. יא, זיי האבן מיט פאליטישע אינטריגעס בארויבט טשעכאסלאוואקיי, אנעקסירט דורך מעראר עסטרייך, עקספלאאטירט ארבייט פון מיליאנען.

צי דען איז דאס אזא „גרויסער" פארברעכן?

א שיינעם טיש באוויזן אין קליינע צענומענע שטיקלעך, פארלירט זיך דער גאנצער רושם. דער פוס באזונדער, דער בלאט באזונדער, צענומענע ברעטער, שאפן ניט דעם איינדרוק פון א טיש. אין נירנבערג האט מען די גאנצקייט פון גרויסן פארברעך וואס הייסט 1933—1945, מיליאנען קברים, צענדליקער מיליאנען אומגליקליכע אָן פאמיליעס, הונגערנדע אייראפע, אפגעברענטע שטעט און שטעטלעך, פארשוועכטע סינאגאגן און קירכן און אט די גאנצקייט פון פארברעך וואס ליגט אזוי באשיינפערליך אויף די הענד פון די 20 תלינים, איז צעשניטן געווארן אויף קליינע פארברעכנס.

לעכערליך איז אין מיינע אויגן א ריכטער, וואס פארשט נאך הונדערטער עדות כדי צו באווייזן אז דער מערדער האט פארן דערמארדן, דעם קרבן אויך באליידיקט און „געריעדט צו אים „פער דו".

צי דארף מען גאנצע טעג דערמאנט ווערן דער טאָן פון דעם היטלער — שושנינג געשפרעך ווען מ׳האט פאר זיך דעם גיבערן פאקט פון אזא ברוטאלן איבערטרעטן די גרעניצן פון א לאנד, וועמענס אומאפהענגיקייט מען האט פריער פארזיכערט. צי מוז מען חוקר־ודורש זיין וואכן־לאנג ווי אזוי מען האט צוגעגרייט דעם קריג, אז עס ליגט פאר אונדז דער פאקט פון קריגס אנפאנג דורך דעם וואס זיי די ביר־הענדלער, וועגעלעך־פירער, „דאנקע־שיין" זאגער האבן די ערשטע איבערשריטן די גרעניצן פון זייער „פאטערלאנד", זוכנדיק „לעבענסראאום" כדי זייער פירער זאל זיך קאנען פאטאגראפירן אויפן אייפל־טורם, פאראדירן אין ווין, האלטן רעדעס אין פראג. צי דארף מען טאקע קרוב זעקס מאנאטן באווייזן און חוקר־ודורש זיין ווער ס׳האט געשאפן קאנצענטראציאנס־לאגערן. צי איז דאס טאקע ניט קלאר. ווער האט זיי געשאפן? מיר, די ענגלענדער, די רוסן, אמעריקאנער? ווער, פרעגט זיך, ווער?

דייטשן לאכן פון פראצעס. מיר וויינען.

די געשעעניש וואס האט געזאלט ווערן א ריזיגער וועלט־געשריי קעגן אונרעכט האט מען פארביטן אויף א טרוקענע יורידישע פארהאנדלונג, אויף א אומעטיקע סימבאליק.

און די פערספעקטיוון פון נירנבערג?

די פראגע ליגט אויף די ליפן פון מיליאנען.

ווי לאנג וועט עס דויערן? ווי לאנג וועט מען זיך שפילן? וויפל טעג נאך וועט מען משפטן די, וואס נאר זייער לעבן שטעכט מיליאנען מענטשן, און פאראומעטיקט די אטמאספער. וויפל נעכט וועלן מיר אפציילן ביז ס׳וועט פארציען זיך די פעטליע ארום זייער האלדז?

אז עס קאן אנדערש זיין טראכטן מיר גארניט, האבן מיר נאר מורא צו טראכטן. פאר דעם געדאנק ציטערן מיר און ס׳שרעקט אונדז די פערספעקטיוו.

ס׳איז א גוט ארגאניזירטע באנדע, וואס יעדער האט אין שלמות ערפילט זיין אויפגאבע, זיין חוב. יעדער פון זיי איז געוועזן ביים אויסהויכן די נשמות פון די מיליאנען, זיי האבן געבענטשט די תלינים צו זייער זיג, זיי האבן מיטן מויל, פעדער און האנד פראפאגירט, פארפאלקומט און רעאליזירט דאס, וואס מיר רופן אָן 1933—1945.

# אונדזער תרבות שול

צום ענדע פון לערן יאָר, איז אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון די לערער פון אונדזער „תרבות“ שול איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטע־לונג פון שילער אַרבעטן. גלייכצייטיק האָט די שול אויך אויסגעפירט אַהיסטאָרישע פיעסע אונטערן נאָמען „בת־יפתח“.

מיר ברייננגען דאָ בילדער פון דער אויבנדערמאָנטער אויסשטע־לונג ווי אויך פון דער פיעסע.



דער שילער כאָר מיטן מוזיק לערער ש. זעקצער.



אַ סצענע פון „בית יפתח“.

# יידישע קינדערלעך

## (פון א באזוך אין גן־ילדים פון שומר'שן קבוץ „ותיקים“)

וועך קען ביישטיין דעם צופיל־דערטן לעבנס־לוסט פון קליינינקע קינדערלעך? ווער קען זיך פארפאנ־צערן קעגן זייער צוקלונגענעם פול־ארויסשיטנדן געלעכטערל? און די אייביקייט פון לעבן ווער קען נים זען אין זייער תמימותדיקער באנע־מונג, אין די גריבלעך אויף זייערע בעקעלעך און אין די שפעלטעלעך אויף פולינקע הענטעלעך און פיסעלעך?

איז אפילו שמעון דער שטענדיק ערנסטער, ווי אויף זיין פלייצע וואלט געלאסטעט דער גאנצער גורל פון יידישן פאלק, דער וועלכער פארגינט זיך אויף קיין זאך נים אויסער די דירעקטע ארבעט פארן אויסלייזנדן ציל — פרייט זיך און זיין געזיכט באקומט א דערהויבענעם אויסזען ווען דער 2 יאריקער „אסעלע“, (יאסעלע) זעצט זיך אריין אין א וועגעלע און מ׳פרעגט אים וווהין פארט ער, ענטפערט ער: „קיין סאיעס־טינע“, (פארוואס נים א״י) אדער ווען דער 3 יאריקער טאלעק שטעלט אוים די קליינוואַרג אין שורה און זיי מארשירן זינגענ־דיק חלוצישע לידער און יאסעלעס קעלכל שרייט אריבער אלעמען: „עיי חייוץ“ (עלה חלוץ), אדער גאר ווען די איינציקע קליינע בלאנ־דע „באראנעסע“ די 3 יאריקע וואליוסא זעצט זיך אריין אין ווע־געלע און די יינגעלעך פירן איר.

איז דעם קיבוץ קיין זאך שווער נים געווען פארן ווויל פון די קינ־דערלעך, אפגעשפארט פון דעם אזוי אויך קארגן עסן צוליב זייערטוועגן, זיך צוזאמענגעדריינגט ענגער אין די צימערן כדי פאר די קינדערלעך זאל זיין מער פלאץ.

און אלם מוסטער האט מען גע־נומען אונדזערע קיבוצים אין ארץ אין אויפשטעלן א גן־ילדים ווו די זארג פאר די קינדער וועט זיין מער געמיינזאם און במילא לייכטער צו באפרידיקן צורעכענענדיק דעם

לען דערמאנען קינדער דעם דורכ־געמאכטן שווערן! וואנדער וועג. באנען און וועגן, שטעט און לענדער און ערגעץ ווו א פונקט אין וועג: פערנוואלד... וועלן קינדער זיך וואס דערמאנען און עפעס אומבאגרייפ־בארעס קוים וואס געאנטעס וועלן זיי דערשפירן.

און אפשר אמאל דערנאך ווען לאנד וועט אטעמען מיט פרידן, דאס לעבן וועט פליסן אין זיכערע טיפע ברעגעס, און א פאלק וועט זיך מיען מיט אין דער ערד געשלאגענע טיפעווארצלען — וועלן זיי אליין אויף נאך אנגעהיצטע זאמדן אין די אוונטן דערציילן זייערע קינדער די וווּנדער — אגדות פון לעצטן מדבר און די קינדערלעך וועלן מיט פלאמ־יקע אנגעצונדענע אויגעלעך מקנא זיין די זיידעס די אומגלויבליכע געשעענישן וועלכע זיי האבן דורכ־געטראגן.

נון — שין.



די קינדערלעך און זייער עסצימער.

# יונגע יידן לערנען לאכן

(ענדע פון זייט 3)

אינהאַלט און ציל, איז פאַר זיי נים מער ווי אַ קינדער־שפּיל.

„עס איז דאָך גאָר נים קיין שווערע אַרבעט“, זאָגט אברהם, אַ קורץ־געוויקסיקער בחור פון אַ שטעטל אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, וועלכע זעט אוים מיט זיין ברייטן געזיכט און מיט כיטרע שמייכלדיקע

קיים, אָבער באַלד זיינען זיי אַי־בערגאַנגען צו צוטרוילעכער פריינד־שאַפט און באַצוג צו דידאָזיקע על־טערע ברידער און שוועסטער, וועל־כע זיינען אַזוי פלוצלינג ערשינען ביי זיי פון דער פינסטערניש פון אומבאַקאַנגע שרעקן.

דאָך איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן זיי און די פריערדיקע גרו־



אַ סצענע פון „בית יפתח״.



שילער האַנט אַרבעט.



פון דער אויסשטעלונג. די שילער וואַנט צייטונגען.

איז דעם קיבוץ קיין זאך שווער נים געווען פארן ווייל פון די קינדערלעך, אפגעשפארט פון דעם אזוי אויך קארגן עסן צוליב זייערטוועגן, זיך צוזאמענגעדריינגט ענגער אין די צימערן כדי פאר די קינדערלעך זאל זיין מער פלאץ.

און אלס מוסטער האט מען גענומען אונדזערע קיבוצים אין ארץ אין אויפשטעלן א גן־ילדים ווו די זארג פאר די קינדער וועט זיין מער געמיינזאם און במילא לייכטער צו באפרידיקן צורעכנענדיק דעם פארדינסט פון זיך שוין צוגעוויינען צו אונדזער קיבוצישע ערציאונגס־אטמאספערע אין ארץ.

האבן די מאלערס געפארבט און סטאליארעס האבן פלייסיק געקלאפט צוגרייטנדיק אלע איינריכטונגען און בעטעלעך. און די בחורות וועלכע זיינען באשטימט געווארן צו ארבעטן דארט האבן נים גערוט ביז עס איז אלץ פארטיק געווארן, פארהאנגלעך, בעט־צייג און אלע נויטיקע קלייניקייטן.

איצט ווען מען פרעגט דעם קלוגינקן יאסעלע א פארהאוועטן וווהין ער היילט זיך? ענטפערט ער שארף פארנומען: „אין גן״. פארווילט זיך זיי עפעס וואס שפילנדיק זיך, לויפן זיי גלייך אין גן, זיי ווייסן אז עס איז דא ווער עס זארגט דארטן פאר זיי.

און אז דו וועסט דורכגיין אין די נאך אוונט־ברוים שעה׳ן פארביי עטליכע צימערן, און א קוק טאן דורך דעם הא׳ב אפענעם פענסטער, ווי זיי רוען מיט צוואָרפענע הענטלעך און פיסלעך אין מאטן שיין פון די צימערלעך. א רגע ווערסטו פארכאפט פון דער אומשולדיקייט און ראזן טרוים פארצויגן אויף זייערע בעקעלעך, אבער פלוצים דערשפירסטו דעם גורל דא ארום שוועבן, דעם יידישן גורל און נים ווילנדיק שעפטשען דיינע ליפן: שלאפט אין רואיקן טרוים יידישע קינדערלעך, ווער ווייס וואס עס קען נאך אויך אויסקומען צוטראגן.

נאר עס קען זיין אז אין אזעלכע שעהן ווען, טאטעס וועלן נאך א שווערן ארבעטס־טאג, אונטער פרייע, מיט גליקליכע רו אנגעזאפטע הימ־

# יונגע יידן לערנען לאַבן

(ענדע פון זייט 3)

אינהאַלט און ציל, איז פאַר זיי נים מער ווי אַ קינדער־שפיל.

„עס איז דאָך גאָר נים קיין שווערע אַרבעט״, זאָגט אברהם, אַ קורץ־געוויקסיקער בחור פון אַ שטעטל אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, וועלכע זעט אויס מיט זיין ברייטן געזיכט און מיט כיטרע שמייכלדיקע העל־בלויע אויגן ווי אַ רוסישער דאָרפס־שייגעץ. „ביי די נאַציס האָבן מיר געמוזט שטיינער שלעפּן, פון וואָס מיר האָבן כמעט זיך צוזאַמענגעבראָכן און תמיד מיט אַ הונגעריקן מאָגן״. ביי אַ גרויסן טייל פון זיי איז שוין פאַראַן אַ לעבעדיקער אינטערעס פאַרן אויפבוי פון דעם גאַנצן, אַן אינטערעס פאַר „זייער״ ישוב! ווייל עס איז דאָך באמת אויך זייערע פעלדער, זייערע שאָף, זייערע פרוכט־ביימער, וועלכע זיי פלעגן, — און זיי גייען אַזוי לייכט איבער די שווערע רידעס פון דער דאָזיקער ערד, ווי זיי וואָלטן דאָ ניי געבוירן געוואָרן.

זייער טאָג איז אויסגעפילט מיט אינהאַלט. זיי אַרבעטן ביז מיטאָג און לערנען נאָך מיטאָג. ווען דער גלאָק רופט צו מיטאָג־עסן, גייט יעדער פון זיי אַהיים צו זיין משפחה, ווייל דער ישוב „מולדת״ איז אַ צווישנפאַרם צווישן דעם קאָלעקטיוו פון אַ קיבוץ און דער קליין־ווירטשאַפט פון אַ מושב־עובדים מיט אַ שטאַרקער באַטאָנונג פון פריוואַטן פאַמיליע־לעבן, און די יונגע נייע עולים זיינען פאַרטיילט געוואָרן צווישן באַזונדערע משפחות, וועלכע האָבן זיי אויפגענומען מיט ליבע ווי אַדאָפּטירטע קינדער. ווען זיי וווינען און שלאָפן אפילו צוזאַמען אין די פאַר זיי אויסגעבויטע הייזער, אָבער צו אַלע מאָלצייטן און אָפּט אויך אין די רו־שעהן און שבת געפינען זיי זיך יעדער ביי זיין משפחה. דערביי האָבן זיך געשאַפן באַזונדערס צאַרטע באַציאונגען צווישן זיי און די יונגערע קינדער פונם ישוב. די „סאַברעס״, ווי מען רופט דאָ די דאָ־געבוירענע, האָבן זיי צוערשט באַגריסט מיט נייגערי־קייט, אָבער באַלד זיינען זיי איבערגאַנגען צו צוטרוילעכער פריינדשאַפט און באַצוג צו דידאָזיקע עלטערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען אַזוי פלוצלינג ערשינען ביי זיי פון דער פינסטערניש פון אומבאַקאַנטע שרעקן.

דאָך איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן זיי און די פריערדיקע גרופּעס פון דער יוגנט־עליה. דאָס געמיינשאַפטס געפיל צווישן זיי אַליין איז נים געווען אַזוי זעלבסט־פאַרשטענדלעך ווי ביי די פריערדיקע, און מען האָט עס ערשט געמוזט אַנטוויקלען צווישן זיי. עס זעט אויס, אַז בשעת דעם לאַגער־לעבן, אין דער אכזריותדיקער אַנאַרכיע פון פאַרצווייפלונג און טויט־שרעק, האָבן נאָר די שטאַרקסטע זיך געקענט ראַטעווען און דער כח פון זעלבסט־דערהאַלטונג האָט באַהערשט יחידים. אַזוי אַז ביי דער גרופּע איז אין אָנהויב נים געווען קיין געפיל פון פעסטער אחדות. פונדעסטוועגן איז ביי די דאָזיקע קינדער, נים געקוקט אויף די שרעקלעכע דערפאַרונגען, געבליבן נאָר קליינע שפּורן פון זעלישע פאַרלע־צונגען און דאַן איז געקומען די הויפּט־אויפגאַבע פונם דערציער — צו פאַרבינדן זיי דורך אַ לעבעדי־קער אחדות. ער אַרבעט אָפּט צו־זאַמען מיט דער גרופּע אויף די פעלדער, כדי צו פאַרשטאַרקן ביי זיי דאָס באַוווסטזיין פון אַ געמיינ־זאַמען ציל. אויך די פרייע צייט און די שפּיל־שעה׳ן ווערן פאַרבראַכט אינם גייסט פון חברשאַפט. יעדן פרייטיק־צונאַכטס פאַרזאַמלען זיך די יונגע עולים צוזאַמען מיט די מתיש־בים אינם עס־זאַל, זינגען צוזאַמען לידער, טאַנצן פאָלקס־טענץ און אָרדנען איין שפּילן.

געראַטעוועטע פון טויט, ווערן זיי געטריבן פאָרווערטס פון אַן אונגעהויערן לעבנס־ווילן, און אינ־גיכן וועלן זיי מיט פרייד צוריקגעבן דעם לאַנד דעם כח, וואָס זיי האָבן געשעפּט פון דער באַרירונג מיט דעם היימאַט־באָדן.

און באַקאַנטע.

יצחק גראססמאַן זון פון לייזער גראָסמאַן געב. אין ליפסק ביי ראַדאָם אַרויסגעוואַנדערט פון סאַראַמאָוו רוסלאַנד, קיין קאַנאַדע אין יאָר 1921 ווערט געזוכט דורך שרה־רייזל גראָסמאַן פארהייראט ווייצלאנד, וווינט און פערנוואלד ביים מינכען. אונרראַ טים 106.

נתן פיקהאָלץ, פרוי און קינדער געוו. אין קראָקע, אַרויסגעפירט פון מאַרגאָפאָלער געגנט דורך די רוסן קיין סיביר, ווערט געזוכט דורך זיין שוועסטער זון לעאָן (אריה) לינדען.

בעטי וויינגארטן די טאָכטער פון הענאַך און חיה וויינגארטן ווערט געזוכט דורך יהושע אורבאך און עלטערן.

יצחק פון קרינקי.

שרה לישה דארף זיך געפינען אין דער אמעריקאנער זאנע ווערט געזוכט דורך איר קוזין י. נערשאן 78—139 35 ארע. פלוסינג ניו־יארק. וועגן גענויע אינפארמאציעס זיך ווענדן אין פערנוואלד פלארידא גאס 20 ביי בראטען לייזער.

בערג ווערט געזוכט דורך זיין קוזין גרייף ישראל.

ראזע גרייף געב. אין לוצקי ווערט געזוכט דורך איר ברודער גרייף ישראל.

סרוליק מיליך פון לאדז ווערט געזוכט דורך זיין ברודער אברהם מיליך.

נאציע אנגעקומען קיין מאסקווע. ביים אנקומען האט זיי באגעגנט גענעראליסימוס סטאלין און דער וויצע אויסערן מיניסטער ווישינסקי.

—o—

לאַ פאס. אין דער רעוואלוציע, וועלכע איז פארגעקומען אין באַליוויע, איז דערמארדעט געווארן דער פרעזידענט פון דער רעפובליק. וועלאַראָל די רעוואליוציאנערן האבן געבילדעט א נייע רעגירונג.

—o—

רוים. די איטאליענישע רעגירונג איז אָפיציעל איינגעלאַדן געוואָרן אַנטייל צונעמען אין דער פרידנס קאָנפערענץ. דער פאָרזיצער פון דער איטאַליענישער דעלעגאַציע וועט זיין דער פרעמיער מיניסטער דע גאַספערי.

מילאנא. אין מילאַן איז פאָרגעקומען א גרויסע ארבעטער דעמאָנסטראַציע. פיל ארבעטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

—o—

באָמביי. א האלבער מיליאָן ארבעטער האָבן דערקלערט אַן איינטאָגיקן סאָלידאַריטעט שטרייק מיט די שטרייקנדע פאָסט און טעלעגראַף אַרבעטער.

—o—

רוים. דער גענעראל דירעקטאָר פון אונרראַ, לא גוארדיא איז אויפגענומען געוואָרן פון איטאליענישן פרעמיער מיניסטער דע גאספערי און פון פויפסט.

—o—

מינכען. די מיליטער רעגירונג אין בייערן האט פאנאנדערגעלאזן און דערקלערט פאר אומלעגאל דעם „פארבאנד פון פוילישע פאליטישע פארפאלגטע“.

—o—

לאנדאן. נאעל בעקער האט דערקלערט אין אונטער הויז, אז מען מוז וואס שנעלער אפשליסן א פרידנס אפמאך מיט עסטרייך.

—o—

בריסעל. דער בעלגישער פרינץ רעגענט האט דערקלערט, אז ביז זונטוג דעם 28 יולי מוז געבילדעט ווערן א רעגירונג, אויב מען וויל, אז בעלגיע זאָל אנטיילנעמען אין דער פרידנס קאנפערענץ, וועלכע קומט פאר דעם 29 יולי אין פאריז.

# ❤ גראטולאציעס

## לדבורה ודוד רוסקין

ברכת מזל־טוב לבבית להולדת בנם בכורם

מורי ביתהס' „תרבות“ בפרנולד
תברי הסוכנות.
ועדת ההורים.

---

**רבקה און ירמיהו שולמאן**
צום געבורט פון זייער זונעלע שמעון ווינטשט א הערצליכן מזל טוב
שמואל בארישניקאָוו.

**לדבורה ודוד רוסקין**
ברכת מזל־טוב לבבית להולדת בנם בכורם
פלונת הרצליה.

## פארלוירענע ד. פ. קארטן

| | | | |
|---|---|---|---|
| גימליץ מערע | וווינט קענטוקי | נר. 9 ד. פ. קארטע | 058405 |
| גימליץ גיסמאן | „ „ | „ „ „ „ „ | 058321 |
| איצקאוויץ מענדל | „ אנדיאנא | „ 3 „ „ „ | 059460 |
| ווייסמאן טוסיא | „ ניו־יערסי | „ 52 „ „ „ | 060856 |
| לוין באריס | „ קענטוקי | „ 4 „ „ „ | 11357994 |
| שווארץ טיבאק | „ פלארידא | „ 20 „ „ „ | 060637 |
| שווארץ מיקלאש | „ „ | „ „ „ „ „ | 060322 |
| גרינבלאם אברהם | „ אינדיאנא | „ 8 „ „ „ | 059940 |
| „ חיה | „ „ | „ 8 „ „ „ | 060254 |
| „ מאטל | „ „ | „ 8 „ „ „ | 060257 |
| הערמאן חיים | „ ניו־יערסי | „ 1 „ „ „ | 059443 |
| אבראהאם לאאורא | „ ניו־יערסי | „ 48 „ „ „ | 061475 |
| ליפשיץ רבקה | „ „ | „ 46 „ „ „ | 061293 |
| שטיין גוסטאוו | „ סאנאטאריום דארפען | „ „ „ | 59261 |

שטיין גוסטאוו האט פארלוירן די ד. פ. קארטע נר. 59261 און נאך אנדערע דאקומענטן. דער ערנטליכער געפינער וועט פארן אומקערן די דאזיקע דאקומענטן אנשטענדיק באלוינט ווערן. דער אויבן דערמאנטער געפינט זיך אין סאנאטאריום דארפען.

## מעלדונג פון סוכנות

די אונטנדערמאנטע פערזאנען ווערן דרינגנד געבעטן זיך מעלדן אין ארץ־ישראל אמט אין מינכן מעלשטראססע 18.

1. Altman Dwojra un Josef
2. Baranow. [Cwi
3. Goldberg Margot
4. Kranz Emma Rosen
5. Kozlowski Hies
6. Lieberman Szandla
7. Petersilska Josepina
8. Smolizanski Bernard
9. Szarf Ephraim
10. Wildman Bluma
11. Wiener Josef — Israel
12. Zavat Haib
13. Abt Frieda
14. Weinberg Horst.

# עס איז פרידן, עס ווערט פיל געבויט, לערן א פאך!

# פארשרייב זיך אויף די בוי קורסן!!!

Arojsgegebn fun a redakcje kolegje. UNRRA Team 106, Föhrenwald baj München. Druk: Georg Schwankl,, Buchdruckerei, Wolfratshausen.